נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

# זוהַר הַקָּדוֹשׁ מִיטְ'ן פֵּירוּשׁ מָתוֹק מִדְּבַשׁ אוֹיף דֶּי פַּרְשָׁה

אוֹיף אִידִיש

**לוח עמוד היומי בזוה"ק פרשת לך לך**

חלק ד - פרשת ויחי

| יום | וילנא | מתוק מדבש |
|---|---|---|
| ראשון | רלד ע"ב | תקצו-תרג |
| שני | רלה ע"א | תרג-תרט |
| שלישי | רלה ע"ב | תרט-תרטז |
| רביעי | רלו ע"א | תרטז-תרכא |
| חמישי | רלו ע"ב | תרכא-תרכז |
| שישי | רלז ע"א | תרכז-תרלג |
| שב"ק | רלז ע"ב | תרלג-תרלט |

יו"ל בעזהשי"ת ע"י מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים | עלון מס' 53 | פרשת נח תשפ"ב

## העולם מתקיים בזכות הצדיק השומר על קדושתו

**אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ, רַבִּי חִיָּיא פָּתַח** לבאר שתולדות נח נתקיימו בזכותו לפי שהיה איש צדיק, ומקדים לפרש מש"כ **וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ נֵצֶר מַטָּעַי מַעֲשֵׂה יָדַי לְהִתְפָּאֵר** ואמר **זַכָּאִין אִנּוּן יִשְׂרָאֵל דְּמִשְׁתַּדְּלֵי בְּאוֹרַיְיתָא** אשריהם ישראל שעוסקים בתורה, שמתוך עסקם בה ידעו סודותיה ויתגלה להם סוד הברית הנרשם בבשרם, **וְיָדְעֵי אָרְחִין דְּאוֹרַיְיתָא** ויודעים דרכי התורה ומצותיה, **דִּבְגִינָהּ יִזְכּוּן לְעָלְמָא דְאָתֵי** שבשבילה יזכו לעולם הבא, **תָּא חֲזֵי כָּל יִשְׂרָאֵל אִית לוֹן חוּלָקָא לְעָלְמָא דְאָתֵי** כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, **מַאי טַעְמָא, בְּגִין דְּנָטְרִין בְּרִית** מ"ט, לפי שנמולים ושומרים לאות ברית מאיסורי עריות, **דְּעָלְמָא אִתְקַיַּים עֲלֵיהּ** שהעולם עומד עליו, **כְּמָה דְאַתְּ אָמַר אִם לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי** הרי שחקות והנהגות שמים וארץ עומדים על הברית, **וְעַל דָּא יִשְׂרָאֵל דְּנָטְרֵי בְּרִית** ועל כן ישראל ששומרים בריתם, **וְקַבִּילוּ לֵיהּ** לפי שקבלו מצות מילה עליהם, **אִית לוֹן חוּלָקָא בְּעָלְמָא דְאָתֵי** יש להם חלק לעולם הבא, **וְלֹא עוֹד, אֶלָּא בְּגִין כָּךְ אִקְרוּן צַדִּיקִים** בשביל ששומרים בריתם נקראים צדיקים, ואמר **מִכָּאן אוֹלִיפְנָא כָּל מַאן דְּנָטִיר הַאי בְּרִית דְּעָלְמָא אִתְקַיַּים עֲלֵיהּ אִקְרֵי צַדִּיק** מכאן למדנו שכל מי ששומר את הברית שהעולם עומד עליו נקרא צדיק, **מְנָא לָן** ששומר ברית נקרא צדיק, **מִיּוֹסֵף, בְּגִין דְּנָטַר לֵיהּ לִבְרִית עָלְמָא זָכָה דְאִקְרֵי צַדִּיק** אנו לומדים זאת מיוסף לפי שעמד בנסיון של אשת אדוניו וניצול ממנה ושמר את ברית העולם לכן זכה שנקרא צדיק, **וְעַל כָּךְ**

### אידיש

## דִי וֶועלְט הַאלְט זִיךְ אִין זְכוּת פוּנֶעם צַדִּיק וָואס הִיט אוֹיף זַיין הֵיילִיגְקַייט

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ", דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶער פוּן נֹחַ. הָאט רַבִּי חִיָּיא אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס צוּ עֶרְקְלֶערְן אַז נֹחס תוֹלְדוֹת הָאבְּן גֶעהַאט אַ קִיוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט אִין דֶעם זְכוּת פוּן נֹח הַצַּדִיק, אוּן עֶר הָאט צוּם עֶרְשְׁט עֶרְקְלֶערְט דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ נֵצֶר מַטָּעַי מַעֲשֵׂה יָדַי לְהִתְפָּאֵר", אוּן דַיין פָאלְק זֶענֶען אַלֶע צַדִּיקִים, זֵיי וֶועלְן אוֹיף אֵייבִּיג יַרְשֶ'נֶען דִי לַאנְד, זֵיי זֶענֶען דִי פְּרוּכְט פוּן מַיין אַיינְפְּלַאנְצוּנְג, דִי וֶוערְק פוּן מַיינֶע הֶענְט זִיךְ צוּ בַּארִימֶען, אוּן רַבִּי חִיָּיא הָאט גֶעזָאגְט, וואוֹיל אִיז צוּ דִי אִידְן וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה, וָואס דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין אִיר וֶועלְן זֵיי וִויסְן אִירֶע סוֹדוֹת אוּן עֶס וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן צוּ זֵיי דֶער סוֹד הַבְּרִית וָואס אִיז אָנְגֶעצֵייכְנְט אִין זֵייעֶר פְלֵייש, אוּן זֵיי וֵוייסְן דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה אוּן אִירֶע מִצְוֹות, וָואס וֶועגְן אִיר וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא, קוּם אוּן זֶע, אַלֶע אִידְן הָאבְּן אַ טֵייל אִין עוֹלָם הַבָּא, וָואס אִיז דֶער טַעַם, וַוייל זֵיי מַלֶ'עְן זִיךְ אוּן הִיטְן אָפּ דֶעם צֵייכְן פוּנֶעם בְּרִית צוּ זַיין פַארְבָּאטְן פוּן זְנוּת, וָואס דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם בְּרִית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אִם לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי", עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז עֶס זָאל צוּשְׁטֶערְט וֶוערְן מַיין בּוּנְד בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אוּן אוֹיב עֶס וָואלְט צוּשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן וָואלְט עֶס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעלֵייגְט דִי גֶעזֶעצְן פוּן הִימְל אוּן עֶרְד, זֶעעְן מִיר אַז דִי גֶעזֶעצְן אוּן דִי פִירוּנְגֶען פוּן הִימְל אוּן עֶרְד שְׁטֵייעֶן אוֹיפְן בְּרִית, אוּן דֶערְפַאר, דִי אִידְן וָואס הִיטְן זֵייעֶר בְּרִית, וִויבַּאלְד זֵיי הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ דִי מִצְוָה פוּן מִילָה, הָאבְּן זֵיי אַ טֵייל צוּ עוֹלָם הַבָּא, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר וַוייל זֵיי הִיטְן זֵייעֶר בְּרִית וֶוערְן זֵיי אָנְגֶערוּפְן צַדִּיקִים, אוּן רַבִּי חִיָּיא הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט, פוּן דָא לֶערְנֶען מִיר אַרוֹיס אַז יֶעדֶער וָואס הִיט דֶעם בְּרִית וָואס דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם, דֶער וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ צַדִּיק, פוּן וואוּ וֵוייסְן מִיר דָאס, אַז דֶער וָואס הִיט דֶעם בְּרִית דֶער

**וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים** ולכן ועמך, אם הם כולם צדיקים, דהיינו שהם נמולים ושומרים בריתם, **לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ** בזכות זה יירשו את ארץ החיים שהיא עולם הבא, ור"ל כי ישראל בכלל בקבלת הברית לבד ובשמירתו נקראים צדיקים, אמנם היחיד לבדו לא נקרא צדיק במיוחד אלא אם בא מעשה של נסיון לידו ועמד בו כענין יוסף, והטעם לפתיחה זו כאן, לרמוז כי לכן נקרא נח צדיק לפי ששמר את בריתו יותר מכל בני דורו. (דף נט ע"ב, ובביאורינו כרך ב עמ' א-ב)

## הצדיק דבוק במחשבתו למעלה, אף כשעוסק בעניני העוה"ז

**לָמָּה נֹחַ נֹחַ תְּרֵי זִמְנֵי** למה כתיב נח נח ב' פעמים, **אֶלָּא כָּל צַדִּיק וְצַדִּיק דִּי בְּעָלְמָא אִית לֵיהּ תְּרֵין רוּחִין** אלא כל צדיק שבעולם יש לו ב' רוחות, **רוּחָא חַד בְּעָלְמָא דֵּין וְרוּחָא חַד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי** רוח אחד בעוה"ז ורוח אחד בעולם הבא, ור"ל כי צדיק אפילו כשהוא עוסק בעניני עולם הזה ההכרחיים, ג"כ מחשבתו דבוקה למעלה, ונחשב כאלו רוחו נחלק לב' חלקים אחד למעלה ואחד למטה, אבל באמת הם רוח אחד, **וְהָכִי תִּשְׁכַּח בְּכֻלְּהוּ צַדִּיקֵי** וכן תמצא בכל הצדיקים שקראם הקב"ה בב' שמות כנגד ב' רוחות, **מֹשֶׁה מֹשֶׁה** בסנה, **יַעֲקֹב יַעֲקֹב** במראות הלילה, **אַבְרָהָם אַבְרָהָם** בעקידה, **שְׁמוּאֵל שְׁמוּאֵל** אצל עלי, **שֵׁם שֵׁם** בתולדותיו, **בַּר מִיִּצְחָק דְּלָא כְּתִיב בֵּיהּ כְּמָה דִּכְתִיב בְּהוּ** מלבד יצחק שלא נכפל שמו ב' פעמים יצחק יצחק, **בְּגִין דְּיִצְחָק בְּשַׁעְתָּא דְּאִתְקְרַב עַל גַּבֵּי מַדְבְּחָא נָפְקַת נִשְׁמָתֵיהּ דַּהֲוַת בֵּיהּ בְּהַאי עָלְמָא** לפי שיצחק בשעה שנקרב על גבי המזבח יצאה ופרחה נשמתו שהיתה בו בעוה"ז, **וְכֵיוָן דְּאִתְּמַר בֵּיהּ בְּאַבְרָהָם בָּרוּךְ מְחַיֵּה הַמֵּתִים** וכיון שנאמר באברהם שבירך ברוך מחיה המתים, ועי"ז **תָּבַת** חזרה ליצחק נשמתו, אבל אז חזרה רק הנשמה **דְּעָלְמָא דְּאָתֵי** של עולם הבא, ולכן לא נכפל שמו, **בְּגִין דָּא תִּשְׁכַּח דְּלָא יְחֵד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא**

## אידיש

ווערט אָנגערופן אַ צַדיק, פון יוסף לערנען מיר דאס אַרויס, אַז וויבאלד ער איז געשטאנען אינעם נסיון פון די ווייב פון זיין האר און ער איז געראטעוועט געווארן פון איר, און ער האט געהיטן דעם ברית פון די וועלט, דעריבער האט ער זוכה געווען אַז ער איז געווארן אָנגערופן אַ צַדיק, און דערפאר "וְעַמֵּךְ", און דיין פאלק, אויב זענען "כֻּלָּם צַדִּיקִים", דאס הייסט זיי זענען אַלע צדיקים, אַז זיי זענען גע'מַל'עט און זיי היטן זייער ברית, "לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ", אין דעם זכות וועלן זיי יַרש'ענען דעם ארץ החיים וואס דאס איז עולם הבא, און דאס הייסט אַז די אידן אין אַלגעמיין, דורכן אָננעמען דעם ברית אַליין און דורכן איר אָפּהיטן ווערן זיי אָנגערופן צדיקים, אָבער יעדער איינער פאר זיך אַליין ווערט נישט אָנגערופן אַ צַדיק באזונדער, נאר אויב עס קומט צו אים אַ מעשה פון אַ נסיון צו זיין האנט און ער איז בייגעשטאנען דערין אַזוי ווי ביי יוסף, און דער טעם פארוואס מען האט דא אָנגעהויבן מיט דעם, דאס קומט מרמז זיין אַז דערפאר ווערט נח אָנגערופן אַ צַדיק, וויבאלד ער האט געהיטן אויף זיין ברית מער ווי אַלע מענטשן פון זיין דור.

### דער צַדיק איז דבוק אין זיין מחשבה אויבן, אויך ווען ער באשעפטיגט זיך אין זאכן פון דער וועלט

**פרעגט** דער זוהר הקדוש, פארוואס שטייט "נֹחַ נֹחַ" צוויי מאל, נאר, יעדער צַדיק און צַדיק אויף דער וועלט האט צוויי גייסטער, איין גייסט אויף דער וועלט און איין גייסט אויף יענער וועלט, און דאס מיינט אַז דער צַדיק אפילו ווען ער באשעפטיגט זיך אין די וועלטליכע זאכן וואס מען מוז האבן, איז אויך זיין מחשבה באהאפטן אויבן, און עס ווערט גערעכנט אַזוי ווי זיין גייסט ווערט צוטיילט אויף צוויי טיילן איינס אויבן און איינס אונטן, אָבער אין אמת'ן זענען זיי איין גייסט, און אַזוי וועסטו געפינען ביי אַלע צדיקים אַז דער אויבערשטער האט זיי גערופן מיט צוויי נעמען אַנטקעגן די צוויי גייסטער, "מֹשֶׁה מֹשֶׁה" ביי דעם סנה, דער דארנבוים, און "יַעֲקֹב יַעֲקֹב" ביי די זעאונגען פון די נאכט, "אַבְרָהָם אַבְרָהָם" ביי די עקידה, "שְׁמוּאֵל שְׁמוּאֵל" ביי עלי הכהן, און "שֵׁם שֵׁם" ביי זיינע קינדער, אויסער יצחק וואס ביי אים שטייט נישט "יִצְחָק יִצְחָק" אַזוי ווי עס שטייט ביי זיי, ווייל יצחק אינדערצייט וואס ער איז געברענגט געווארן פאר אַ קרבן אויפן מזבח, איז ארויסגעגאנגען און ארויסגעפלויגן זיין נשמה וואס איז געווען אין אים אויף דער וועלט, און וויבאלד עס שטייט ביי אַברהם אַז ער האט געמאכט די ברכה "בָּרוּךְ מְחַיֵּה הַמֵּתִים", געלויבט איז דער וואס מאכט לעבעדיג די טויטע, און דורכדעם איז צוריקגעקומען צו יצחק זיין נשמה, אָבער דעמאלטס האט זיך צוריקגעקערט נאר די נשמה פון עולם הבא, און דערפאר איז זיין נאמען נישט געטאפלט געווארן, און דערפאר וועסטו געפינען אַז דער אויבערשטער האט נישט געאיינציגט זיין נאמען אויף קיין שום צַדיק ביי זיין

**שְׁמֵיהּ אֶלָּא עַל יִצְחָק** ולפיכך תמצא שלא יחד הקב"ה שמו על שום צדיק בחייו אלא על יצחק, **בְּגִין דְּאִתְחַשַּׁב כְּמֵת** לפי שהוא כבר נחשב כמת ונסתלק מעוה"ז ולא היתה לו נשמה מעוה"ז אלא מעוה"ב, ויצר הרע פסק ממנו, והרי היה בן עולם הבא בחייו, **וְעַל דָּא רָמַז קְרָא וְאָמַר הֵן בִּקְדוֹשָׁיו לֹא יַאֲמִין וְגוֹ'** שהקב"ה לא מאמין בשום צדיק בעודו בחיים בעוה"ז שישאר בצדקתו, ולכן אינו מייחד שמו עליו. (דף נט ע"ב-ס ע"א, ובביאורינו כרך ב עמ' ה-ו)

## לפי מעשי האב ונשמתו, כך ממשיך בן טוב בעולם

**אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ, רַבִּי אַבָּא אָמַר מִיּוֹמָא דַּעֲבַר אָדָם עַל פְּקוּדָא דְּמָרֵיהּ** מיום שעבר אדה"ר על מצות ה', **כָּל בְּנֵי עָלְמָא דְּאִתְיַלִּידוּ לְבָתַר אִקְרוּן בְּנֵי הָאָדָם** כל בני העולם שנולדו אח"כ עד נח נקראים בני אדם שפירושו בניו של אדם הראשון, **וְלָא לִשְׁבָחָא אִקְרוּן הָכִי** ולא לשבח נקראים כן, **אֶלָּא כְּמַאן דְּאָמַר בְּנוֹי דְּהַהוּא דַּעֲבַר עַל פְּקוּדָא דְּמָרֵיהּ** אלא כמי שאומר שאלו הם בנים של אותו האיש שעבר על מצות ה', **כֵּיוָן דַּאֲתָא נֹחַ אִקְרוּן בְּנֵי עָלְמָא עַל שְׁמֵיהּ דְּנֹחַ תּוֹלְדוֹת נֹחַ לִשְׁבְחָא דְּקָאִים לוֹן בְּעָלְמָא** כיון שבא נח נקראו בני העולם על שם נח, תולדות נח, ושם זה הוא לשבח לפי שקיים אותם בעולם, **וְלָא תּוֹלְדוֹת דְּאָדָם דְּאַעֲבַר לוֹן מֵעָלְמָא וְגָרִים מוֹתָא לְכֻלְּהוּ** ולא נקראו תולדות אדם שהעבירם מן העולם וגרם מיתה לכולם.

**אָמַר לֵיהּ רַבִּי יוֹסֵי, אִי הָכִי הָא כְּתִיב לְבָתַר** הרי כתיב אחר המבול בדור הפלגה, **וַיֵּרֶד ה' לִרְאוֹת אֶת הָעִיר וְאֶת הַמִּגְדָּל אֲשֶׁר בָּנוּ בְּנֵי הָאָדָם, בְּנֵי הָאָדָם כְּתִיב וְלָא כְּתִיב בְּנֵי נֹחַ** אף על פי שהיו כבר תולדות נח, **אָמַר לֵיהּ, בְּגִין דְּאָדָם חָטָא קַמֵּי מָרֵיהּ** לפי שאדם הראשון חטא לפני ה' והם עשו כמעשיו לכן נקראים על שמו, **טַב לֵיהּ דְּלָא אִבְרֵי וְלָא יִכְתּוֹב עֲלֵיהּ הַאי קְרָא** יותר טוב היה לו לאדם שלא יברא ולא תכתוב התורה עליו פסוק זה אשר בנו בני האדם, שיחסה התורה החוטאים של דור הפלגה על שם אדם, ומוסיף לבאר ואמר **אֶלָּא תָּא חֲזֵי, כְּתִיב בֵּן חָכָם יְשַׂמַּח**

## אידיש

לֶעבְּן, נָאר אויף יִצְחָק, ווײַבּאלְד עֶר אִיז שׁוין גֶעוֶוען גֶערֶעכְנְט אַזוי וִוי אַ טויטֶער און עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶער וֶועלְט און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין נְשָׁמָה פוּן דֶער וֶועלְט נָאר פוּן יֶענֶער וֶועלְט, און דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ אויפְגֶעהֶערְט פוּן אִים, און עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא בַּיי זַיין לֶעבְּן, און דֶערויף הָאט דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז גֶעוֶוען און גֶעזָאגְט "הֵן בִּקְדוֹשָׁיו לֹא יַאֲמִין", אָט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע גְלֵייבְּט עֶר נִישְׁט, וַוייל דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין קַיין שׁוּם צַדִּיק וִוילַאנְג עֶר לֶעבְּט נָאךְ אויף דֶער וֶועלְט, אַז עֶר וֶועט בְּלַייבְּן בַּיי זַיין עֶרְלִיכְקַייט, און דֶערְפַאר טוּט עֶר נִישְׁט אֵיינְצִיגְן זַיין נָאמֶען אויף אִים.

### לויט דִי מַעֲשִׂים פוּן דֶער טַאטֶע און זַיין נְשָׁמָה, אַזוי בְּרֶענְגְט עֶר אַרָאפּ אַ גוּטֶער זוּן אויף דֶער וֶועלְט

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ", דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶער פוּן נֹחַ, רַבִּי אַבָּא הָאט גֶעזָאגְט, אַז פוּן דֶעם טָאג וָואס אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אויף דִי מִצְוָה פוּנֶעם אויבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְן אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט וָואס זֶענֶען גֶעבּוירְן נָאכְדֶעם בִּיז נֹחַ, אָנְגֶערוּפְן "בְּנֵי אָדָם", דָאס הֵייסְט, קִינְדֶער פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן, און נִישְׁט צוּם לוֹיבּ וֶוערְן זֵיי אַזוי אָנְגֶערוּפְן, נָאר אַזוי וִוי אֵיינֶער וָואס זָאגְט אַז דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶער פוּן אָט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אויף דִי מִצְוָה פוּנֶעם אויבֶּערְשְׁטְן, וִוי נָאר נֹחַ אִיז גֶעקוּמֶען זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט אָנְגֶערוּפְן אויפְן נָאמֶען פוּן נֹחַ, "תּוֹלְדוֹת נֹחַ", דִי קִינְדֶער פוּן נֹחַ, און דֶער נָאמֶען אִיז צוּם לוֹיבּ, וִוייבַּאלְד עֶר הָאט זֵיי גֶעהַאלְטְן אויף דֶער וֶועלְט, און זֵיי וֶוערְן נִישְׁט אָנְגֶערוּפְן "תּוֹלְדוֹת אָדָם", קִינְדֶער פוּן אָדָם, וָואס עֶר הָאט זֵיי אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן דֶער וֶועלְט און עֶר הָאט גּוֹרֵם גֶעוֶוען טוֹיט פַאר דֶער וֶועלְט.

**הָאט** רַבִּי יוֹסֵי גֶעזָאגְט צוּ זֵיי, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק נָאכְן מַבּוּל בַּיי דֶער דוֹר הַפְּלָגָה, "וַיֵּרֶד ה' לִרְאוֹת אֶת הָעִיר וְאֶת הַמִּגְדָּל אֲשֶׁר בָּנוּ בְּנֵי הָאָדָם", און דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען צוּ זֶען דִי שְׁטָאט און דֶעם טוּרֶעם וָואס דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעבּוֹיט, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "בְּנֵי הָאָדָם", דִי קִינְדֶער פוּן אָדָם, און נִישְׁט "בְּנֵי נֹחַ", דִי קִינְדֶער פוּן נֹחַ, כָאטְשׁ זֵיי זֶענֶען דָאךְ אוֹיךְ גֶעוֶוען קִינְדֶער פוּן נֹחַ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ אִים, וִוייבַּאלְד אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעזִינְדִיגְט פַאר אויבֶּערְשְׁטְן און זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן אַזוי וִוי זַיינֶע מַעֲשִׂים דֶערִיבֶּער וֶוערְן זֵיי אָנְגֶערוּפְן אויף זַיין נָאמֶען, בֶּעסֶער וָואלְט גֶעוֶוען פַאר אָדָם אַז עֶר

**אָב** פירושו **כַּד בְּרָא טַב, כָּל בְּנֵי עָלְמָא דָּכְרִין לֵיהּ לַאֲבוֹי לְטַב** כשהבן הוא טוב אז כל בני העולם מזכירים את אביו לטוב, הענין הוא שהאדם ממשיך נשמה לבנו בעת ההולדה והכל לפי מעשיו של האב וכפי נשמתו לכן הוא גרם שבנו יהיה טוב, **וְכַד אִיהוּ בִּישׁ, כֻּלָּא דָּכְרִין לֵיהּ לַאֲבוֹי לְבִישׁ** וכשהבן הוא רע אז הכל מזכירים את אביו לרע, כי אם האב פגום ממשיך נשמה פגומה לבנו ועי"ז הוא גרם שהיצר הרע של בנו יתגבר עליו ויהיה רע, **אָדָם בְּגִין דְּחָטָא וְעָבַר עַל פִּקּוּדָא דְּמָרֵיהּ** וכן כאן אדם הראשון לפי שחטא ועבר על מצות ה', **כַּד אָתוּ אִנּוּן דְּמָרְדוּ בְּמָרֵיהוֹן, מַה כְּתִיב אֲשֶׁר בָּנוּ בְּנֵי הָאָדָם** כשבאו אלו בני דור הפלגה שמרדו בהקב"ה, כתיב בהם שהם בני האדם, ר"ל **בְּנוֹי דְּאָדָם קַדְמָאָה דְּמָרַד בְּמָרֵיהּ וַעֲבַר עַל פִּקּוּדֵיהּ** הם בניו של אדה"ר שמרד בהקב"ה ועבר על מצותו ולכן חטאו גרם שגם הם מרדו בהקב"ה, **וּבְגִינֵי כָּךְ** לכן כתיב כאן **אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ** שפירושו **אֵלֶּה וְלָא קַדְמָאֵי** אלו מתיחסים אחריו שהיו צדיקים ולא החוטאים הקודמים לפניו שנקראים בני אדם, ואמר עוד **אֵלֶּה דְּנָפְקוּ** אלו שיצאו מכלל דור המבול, **וְעָאלוּ גּוֹ תֵּיבָה וְאַפִּיקוּ תּוֹלְדִין לְעָלְמִין** ונכנסו תוך התיבה והוציאו משם תולדות לעולם, הם נקראים תולדות נח. (דף ס ע"ב, ובביאורינו כרך ב עמ' טז-יז)

## אלמלא חטא עץ הדעת, היו נולדים בגופים רוחניים מצד רוח הקודש

**אָמַר לֵיהּ** ר' אבא לר' חזקיה **אִלְמָלֵא לֹא חָטָא אָדָם לָא עָבִיד תּוֹלְדוֹת כְּגַוְונָא דָא מִסִּטְרָא דְּיֵצֶר הָרָע** אם אדם לא היה חוטא לא היה מוליד תולדות עם גופים גשמיים מצד היצה"ר, **אֲבָל עָבִיד תּוֹלְדוֹת מִסִּטְרָא דְּרוּחָא קַדִּישָׁא** אבל היה מוליד תולדות עם גופים רוחניים בג"ע מצד רוח הקדוש, **דְּהַשְׁתָּא לָא עָבִיד תּוֹלְדוֹת אֶלָּא מִסִּטְרָא דְּיֵצֶר הָרָע** אבל עתה אחר שחטא לא הוליד תולדות אלא חוץ לג"ע מצד היצה"ר, **וּבְגִין דְּכָל תּוֹלְדוֹת דִּבְנֵי נָשָׁא כֻּלְּהוּ**

## אידיש

זָאל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן וֶוערְן און דִי תּוֹרָה זָאל נִישְׁט שְׁרַייבְּן אוֹיף אִים דֶעם פָּסוּק "אֲשֶׁר בָּנוּ בְּנֵי הָאָדָם", וָואס דִי קִינְדֶער פוּן אָדָם הָאבְּן גֶעבּוֹיט, אַז דִי תּוֹרָה הָאט גֶערֶעכְנְט דִי זִינְדִיגֶע פוּנֶעם דוֹר הַפְּלָגָה אוֹיפְן נָאמֶען פוּן אָדָם, און דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט ווַייטֶער, נָאר קוּם און זֶע, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "בֵּן חָכָם יְשַׂמַּח אָב", אַ קְלוּגֶער זוּן טוּט דֶערְפְרֵייעֶן דֶער טַאטֶע, דָאס הֵייסְט, וֶוען דֶער זוּן אִיז גוּט, דֶעמָאלְטְס טוּעֶן אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט דֶערְמָאנֶען זַיין טַאטְן צוּם גוּטְן, דֶער עִנְיָן אִיז, אַז דֶער מֶענְטְשׁ בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אַ נְשָׁמָה צוּ זַיין קִינְד אִינְדֶערְצַייט וָואס עֶר טוּט אִים גֶעבּוֹירְן, און אַלֶעס אִיז לוֹיט דִי מַעֲשִׂים פוּנֶעם טַאטְן און לוֹיט זַיין נְשָׁמָה, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז זַיין זוּן זָאל זַיין גוּט, און אוֹיבּ אִיז עֶר שְׁלֶעכְט, דֶערְמָאנֶען אַלֶע דֶעם טַאטְן צוּם שְׁלֶעכְטְן, ווַייל אוֹיבּ אִיז דֶער טַאטֶע פֶּעלֶערְדִיג בְּרֶענְגְט עֶר אַרָאפּ אַ פֶּעלֶערְדִיגֶע נְשָׁמָה צוּ זַיין זוּן און דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע פוּן זַיין זוּן זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים און עֶר זָאל זַיין שְׁלֶעכְט, און אַזוֹי אוֹיךְ דָא, אָדָם הָרִאשׁוֹן ווַיבַּאלְד עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט און עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי מִצְוָה פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אָט דִי מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם דוֹר הַפְּלָגָה וָואס זֵיי הָאבְּן ווִידֶערְשְׁפֶּענִיגְט אִינֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֵייט בַּיי זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען "בְּנֵי הָאָדָם", דָאס הֵייסְט אַז זֵיי זֶענֶען קִינְדֶער פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן וָואס עֶר הָאט ווִידֶערְשְׁפֶּענִיגְט אִינֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף זַיין מִצְוָה, און דֶערְפַאר הָאט זַיין זִינְד צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז אוֹיךְ זֵיי הָאבְּן ווִידֶערְשְׁפֶּענִיגְט אִינֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, און דֶערְפַאר שְׁטֵייט דָא אִין פָּסוּק "אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ", וָואס דָאס מֵיינְט, אָט דִי קִינְדֶער טְרָאגְן זַייעֶר יִחוּס נָאךְ אִים, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִּיקִים, און נִישְׁט דִי זִינְדִיגֶע וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פַאר אִים, וָואס זֵיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "בְּנֵי אָדָם", און ווַייטֶער זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז דָאס זֶענֶען דִי וָואס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם כְּלַל פוּן דוֹר הַמַּבּוּל, און זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי תֵּיבָה און זֵיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט פוּן דָארְט קִינְדֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, זֵיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "תּוֹלְדוֹת נֹחַ", דִי קִינְדֶער פוּן נֹחַ.

### וֶוען נִישְׁט דֶער זִינְד פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת, וָואלְט מֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶער גוּף מִצַּד רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ

**האט** רַבִּי אַבָּא גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי חִזְקִיָּה, אוֹיבּ אָדָם וָואלְט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער מִיט גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע קֶערְפֶּערְס פוּן דִי זַייט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, נָאר עֶר וָואלְט גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער מִיט רוּחְנִיוּת'דִיגֶע גוּפִים אִין גַּן עֵדֶן פוּן דִי זַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן גַייסְט, אָבֶּער יֶעצְט נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער, נָאר אִינְדְרוֹיסְן פוּן גַּן עֵדֶן, פוּן דִי זַייט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, און ווַיבַּאלְד אַז אַלֶע קִינְדֶער פוּן דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען

מִסִּטְרָא דְּיֵצֶר הָרָע בְּגִין כָּךְ לֵית לוֹן קִיּוּם ולפי שכל תולדות בני אדם כולם הם מצד היצה״ר לכן אין להם קיום, **וְאִי אֶפְשָׁר לוֹן לְאִתְקַיְּימָא דְּסִטְרָא אָחֳרָא אִתְעָרַב בְּהוּ** ואי אפשר להם להתקיים לפי שהסטרא אחרא נתערב בהם.

**אֲבָל אִלְמָלֵא לֹא חָטָא אָדָם וְלָא אִתְתָּרַךְ מִגִּנְּתָא דְּעֵדֶן** אבל אם לא חטא אדם ולא נתגרש מג״ע, **הֲוָה עָבִיד תּוֹלְדוֹת מִסִּטְרָא דְּרוּחַ קֻדְשָׁא** היה מוליד תולדות עם גופים רוחניים מצד רוח הנמשך מהבינה, **דְּקַדִּישִׁין כְּמַלְאֲכֵי עִלָּאֵי, קַיָּימִין לְדָרֵי דָרִין כְּגַוְונָא דִּלְעֵילָא** והיו קדושים כמלאכי מעלה והיו קיימים לדורי דורות כדוגמת מעלה, **כֵּיוָן דְּחָטָא וְאוֹלִיד בְּנִין לְבַר מִגִּנְּתָא דְּעֵדֶן** אבל כיון שחטא והוליד בנים גשמיים מחוץ לג״ע, **וְלָא זָכָה לְאַפָּקָא לוֹן מִגִּנְּתָא** ולא זכה להוציאם מהגן, **לָא אִתְקַיְּימוּ אֲפִילּוּ לְאִשְׁתָּרְשָׁא בְּעָלְמָא דָא** לכן לא נתקיימו אפילו שישתרשו בעולם הזה להיות להם שורש וענף דהיינו שישארו בנים אחריהם אלא כולם נשטפו במבול, **עַד דְּאָתָא נֹחַ דְּאִיהוּ צַדִּיק וְעָאל בַּתֵּבָה** עד שבא נח שהיה צדיק ונכנס בתיבה שהיתה דוגמת הג״ע, והמשיך משם נשמות קדושות לבניו לכן היה להם קיום בעולם הזה, **וּמִן תֵּבָה נָפְקוּ כָּל דָּרִין דְּעָלְמָא וּמִתַּמָּן אִתְבַּדְּרוּ לְכָל אַרְבַּע רוּחֵי עָלְמָא** ומן התיבה יצאו כל דורות עולם ומשם נפוצו לכל ד׳ רוחות העולם, כדוגמת הנהר היוצא מעדן להשקות את הגן ומשם יפרד, וכיון שיצאו מן התיבה הועיל להם שלא נמחו מן העולם כהראשונים אפילו שחטאו בדור הפלגה אלא נפוצו בד׳ רוחות העולם. (דף סא ע״א, ובביאורינו כרך ב עמ׳ יט-כ)

## אידיש

אַלֶע פוּן דִי זַייט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין עֶקְזִיסְטֶענְץ אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ פַאר זֵיי זִיךְ צוּ הַאלְטְן, וַוייַבאלְד דִי סִטְרָא אַחֲרָא הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעמִישְׁט אִין זֵיי.

**אָבֶער** אוֹיבּ וָואלְט אָדָם נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט אוּן עֶר וָואלְט נִישְׁט פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן גַּן עֵדֶן, וָואלְט עֶר גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער מִיט רוּחָנִיּוּתְ'דִיגֶע גוּפִים פוּן דִי זַייט פוּנֶעם גַייסְט וָואס וֶוערְט גֶעצוֹיגְן פוּן דִי בְּחִינָה פוּן בִּינָה, אוּן זֵיי וָואלְטְן גֶעוֶוען הֵיילִיג אַזוֹי וִוי מַלְאֲכֵי מַעְלָה אוּן זֵיי וָואלְטְן עֶקְזִיסְטִירְט אוֹיף אֵייבִּיגֶע דוֹרוֹת אַזוֹי וִוי אוֹיבְן, אָבֶער וַוייַבאלְד עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן עֶר הָאט גֶעבּוֹירְן גַּשְׁמִיּוּתְ'דִיגֶע קִינְדֶער אִינְדְרוֹיסְן פוּן גַּן עֵדֶן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען זֵיי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּנֶעם גָארְטְן, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִיּוּם, אֲפִילוּ זִיךְ אַיינְצְוָוארְצְלֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ שׁוֹרֶשׁ אוּן אַן אָפְּצְוַויג, דָאס הֵייסְט אַז עֶס זָאלְן בְּלַייבְּן קִינְדֶער נָאךְ זֵיי, נָאר זֵיי זֶענֶען אַלֶע פַארְפְלֵייצְט גֶעוָוארְן אִינֶעם מַבּוּל, בִּיז נֹחַ אִיז גֶעקוּמֶען וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק, אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי תֵּיבָה וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי דֶער גַּן עֵדֶן, אוּן עֶר הָאט גֶעצוֹיגְן פוּן דָארְט הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת צוּ זַיינֶע קִינְדֶער, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַ קִיּוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן פוּן דִי תֵּיבָה זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע דוֹרוֹת פוּן דֶער וֶועלְט אוּן פוּן דָארְט זֶענֶען זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן גֶעוָוארְן צוּ אַלֶע פִיר זַייטְן פוּן דֶער וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער טַייךְ וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן עֵדֶן אָנְצוּטְרִינְקֶען דֶעם גָארְטְן אוּן פוּן דָארְט וֶוערְט עֶס צוּשֵׁיידְט, אוּן וַוייַבאלְד זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִי תֵּיבָה, הָאט עֶס זֵיי גֶעהָאלְפְן אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעמֶעקְט גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶועלְט אַזוֹי וִוי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, כָאטְש זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט בַּיי דֶעם דוֹר הַפְּלָגָה, נָאר זֵיי זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אִין אַלֶע פִיר זַייטְן פוּן דֶער וֶועלְט.

## שבח דא שירתא

אוּן יֶעדֶער וָואס שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן וְכוּ' אֲפִילוּ בְּלוֹיז מִיטְן זָאגְן אוּן שְׁטָאלְפֶּערְנְדִיג, אִיז עֶר אַזוֹי וִוי עֶר זָאגְט קְלָאר אַרוֹיס דֶעם שֵׁם, וָואס עֶס הָאט אִין זִיךְ אַ כֹּחַ צוּ מַאכְן נִסִּים אֲפִילוּ אָן צוּ וִויסְן, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי גְּמָרָא שְׁבוּעוֹת (טו:) אַז עֶס אִיז דָא אַ כֹּחַ אִין דִי פְּסוּקִים צוּ בַּאשִׁיצְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט עֶר וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס, פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע טְרֶעפוּנְגֶען, אִינֶעם מַאטֶערִיאַלְן עוֹלָם הַזֶּה אוּן אִינֶעם גֵייסְטִיגְן עוֹלָם הַבָּא, וַוייל אוֹיךְ אוֹיבּ עֶר וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם סוֹד הָרוּחָנִיּוּת וֶועט עֶס דָאךְ עֶרְוֶועקְט וֶוערְן צוּ בַּאשִׁיצְן אוֹיף אִים. (הרמ"ז בפירושו לזוה"ק)



הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ" ע"פ "מָתוֹק מִדְּבַשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל



קלענערע סעט – מהדורת ר' הערשל וועבער
(In 7/5)



גרויסע סעט (In 9.5/6.5)

"ובלכתך בדרך"
פארמאט
70 כרכים
מהדורת ר' יוסף צבי בערגער
(6.5/4.5 In)



פאר דעליווערי רופט: 845.664.5168